# צום פינטל

גליון כז
פרשת אמור תשפ"ג

משיעורי הרב שלום לאנגסאם שליט"א | בהוצאת מכון מישרים

## פרשה



### כהנים זענען העכער

כהנים זענען העכער און דערהויבן אין אלע ענינים, זייער קדושה איז העכער, זיי זענען מוזהר מיט מער מצות, זייער פלאץ איז אין בית המקדש, העכער אלעס אויף די וועלט. זייערע עסן איז תרומה וקדשים, די העכסטע דרגא פון עסן. זיי שטייען אין דערהייעך צו בענטשן כלל ישראל, 'מלמעלה למטה', העכער אלע יידען. (אויך איז מען מחמיר פאר כהנים ווען ס'קומט צו ספיקות און חומרות וכדומה, ווי די לשון הגמ' 'איסורא דכהונא שאני', 'מעלה עשו ביוחסין', 'מפני קדושה יתירה שבהם', והיא סוגיא להגדיר אימתי מחמירים עליהם, עי' ריב"ש סימן שמח, תרומת הדשן ח"ב סימן רכב, שו"ע או"ח סי' קכח סעי' מ' ובמשנ"ב ס"ק קמז, ועוד).

די 'קדושה' פון א יוד איז א 'קדושה עצמית', א קדושה וואס ווערט נישט נשתנה, ס'ריקט זיך נישט ארויף און ס'ריקט זיך נישט אראפ, מ'איז געבוירן צו א מאמע א יוד, און מ'איז א יוד אויף אייביג. און אפילו אויב ח"ו מ'פירט זיך נישט אויף ערליך, די 'קדושת ישראל' ווערט פארדעקט ח"ו, און אפילו ס'זאל זיך אנקלעבן אלע סארטן פסולים, ווי ממזרות, מצרית וכו', אלע וואס זענען אסור 'לבוא בקהל', נאך אלץ די עצם מציאות יוד בלייבט. די אלע 'פסולים' זענען זאכן וואס קלעבן זיך אהן איבער דעם טיטעל 'יוד', אבער דער עצם מציאות יוד, דער עצם שם ישראל, דאס ריקט זיך נישט פון פלאץ, דאס בלייבט לעולם ועד 'כמו שהיא'.

אבער 'קדושת כהונה' איז א העכערקייט, א דערהויבנקייט, און אויב עס ווערט פארשוועכט, עס ווערט נתחלל, לפי די הלכות פון א 'חלל', דאן ווערט עס אויס, דער כהן ווערט כאילו ווי א 'זר', אדער גאר א 'זר' ממש (מנחת חינוך שצ-א א ד"ה ומבואר, מרכבת המשנה ביאת מקדש ו י), ווייל דאס מיינט 'כהונה', זיך האלטן אינדערהייך, זיך האלטן בקדושה און מקיים זיין די הלכות המיוחדת, און אויב האלט מען זיך נישט בקדושה, ווערט די קדושה פארשוועכט, ועד כדי כך אז אפילו דער כהן ווערט כאילו ווי א זר (און אפילו דער

אבער 'קדושת כהונה' איז א העכערקייט, א דערהויבנקייט, און אויב עס ווערט פארשוועכט, עס ווערט נתחלל, לפי די הלכות פון א 'חלל', דאן ווערט עס אויס, דער כהן ווערט כאילו ווי א 'זר', אדער גאר א 'זר' ממש

טאטע איז א כהן, איז שייך איז דער קינד זאל זיין א חלל, ער זאל נישט פארעכנט ווערט ווי א כהן, אזוי אויך א כהנת קען ווערן אויס כהנת).

עצם 'קדושת ישראל' איז א 'השתוות', אלע זענען דארט גלייך, 'כל העדה כולם קדושים', אלע חילוקי דרגות וואס איז דא אין יחוס, ווי די משנה רעכנט אויס אין עשרה יוחסין, ווי ממזרות וכו', דאס אלץ רירט נישט אהן גארנישט פון די עצם קדושת ישראל. אבער 'קדושת כהונה' איז פארקערט ווי 'השתוות', ס'איז 'מדריגות', מדריגות אין קדושה און אין חשיבות, און אויב היט מען נישט די הלכות, ווערט די קדושה פארשוועכט ח"ו.

### כלל ישראל איז זיי מקדש

די הלכה איז אז בית דין איז חייב צו מקדש זיין דעם כהן בעל כרחו, דער כהן האט נישט קיין בחירה (רש"י ויקרא כא ו, 'קדשים יהיו על כרחם', ורש"י שם כא ח, 'וקדשתו על כרחו', הסוגיא ביבמות דף מח ע"ב). אויך איז דער ישראל מחיוב מקדש צו זיין דעם כהן מיט אלע סארטן כיבודים (לעלות ראשון וכו'), און אסאך פוסקים האלטן אז דער 'כהן' קען אפילו נישט מוחל זיין אויף זיין כבוד, ווייל די כבוד איז נישט זיינער, ס'איז דעם ישראל'ס חיוב ארויף צוברענגען די קדושה פון די כהנים (פוסקים בשו"ע סימן קנח, ועי' תשו' שואל ומשיב מהדורא תליתאה ח"ב סי' כ"ט).

דער פרי צדיק (אמור - אות ז) איז עס מגדיר מיט א קלארקייט, אז ס'איז דא צוויי חלקים אין די קדושת כהן, איין חלק האבן זיי מלמעלה, אבער איין חלק מוז קומען דורעך די יידען, און ער איז עס מסביר מיט א עומק, אז די קדושת הכהונה איז בעצם ביי די יידען, און ווען די כהנים ווערן אויסדערוועלט פון צווישען זיי, דאס איז זיי מקדש, די 'בחירה' אז זענען אויסדערוועלט און מער דערהויבן פון אלע יידען, דאס איז זיי מקדש.

די פילע הלכות וואס זיי האבן, אז זיי זענען עפעס אנדערשט, זיי זענען עפעס העכער, דאס איז זיי מקדש, און דוקא ווייל ס'קומט אויף אזא אופן אז זיי ווערן נבחר 'מתוך בני ישראל', זיי ווערן אפטיילט פון אלע, דאס איז זייער קדושה.

און דאס איז די חיוב אויף כלל ישראל צו צוהעלפן צו די קדושת הכהונה, די חיוב ליגט אויף כלל ישראל צו צווינגען די כהנים אויף זייערע הלכות, 'וקדשתו בעל כרחו', מכבד זיין די כהנים מיט יעדע זאך, וואס דורעך דעם דערהייבט די יוד דעם כהן צו זיין פלאץ. און די הלכה איז אז דער כהן קען אפילו נישט מוחל זיין (למקצת פוסקים), ווייל ס'איז א

המשך בעמוד הבא

הכרה אז כלל ישראל זאל זיי מכבד זיין, וואס דורעך דעם ברענגען זיי ארויס די קדושת הכהונה, זיי ווערן ארויסגעהויבן העכער יעדעם.

### צוויי סארטן עבודות

ס'איז דא צוויי סארטן עבודות, ס'איז דא די עבודה פון זיך אויפהייבן העכער, דורעך די כח הבחירה הייבט מען זיך אויף העכער די 'עמך יידען', מ'איז מער מחמיר אין הלכות און אין עבודה וכדומה, וואס די סארט מהלך אין עבודה איז מער פאר דערהויבענע יידען. דערנאך איז עבודת ה' דורעך 'אמונה', וואס ביי דעם זענען אלע יידען 'שוה בשוה', דער גרעסטער צדיק מיט דער פשוטע יוד,ביידע האבן זיי איין אמונה, ביידע גייען דורעך נסיונות אין לעבן, ביידע דארפן זיך מחזק זיין מיט אמונה, ביידע שטארקן זיך צו גלייבן אין די חשיבות פון זייער עבודה, דער צדיק אין זיינע עבודות, און דער פשוט'ע יוד אין זיינע.

די ערשטע סארט עבודה איז ענדליך צו די דרגא פון די כהנים, זיי ווערן נבחר 'מתוך בני ישראל' דורעך זיי אויפהייבן מער פון יעדעם, אזוי אויך ביי די סארט עבודה ווערט מען נתעלה דורעכן זיך דערהייבן. די צווייטע עבודה איז די עבודה פון 'אמונה', וואס דאס איז מער ענדליך צו 'קדושת ישראל', וואס ווי ס'איז געווארן ערקלערט אז ביי קדושת ישראל זענען אלע גלייך, און די זעלבע זאך ביי די עבודה פון אמונה דארטן זענען אלע גלייך. (און דאס איז געווען די טעות פון קרח, אז ער האט אויפגעטוישט די צוויי עבודות, ביי 'כהונה' האט ער געוואלט גיין מיט די קדושה פון כלל ישראל, וואס דארטן זענען אלע גלייך 'כי כל העדה כולם קדושים', אבער באמת ביי כהונה גייט עס דוקא מיט דרגות, און מ'זאגט נישט 'כי כל העדה כולם קדושים').

און יעדער פון די צוויי עבודות האבן זיך זייערע מעלות, די עבודה פון כהונה האט א מעלה, אז ס'איז גדלות וחשיבות ס'לעבט, און ס'האט א חסרון אז ס'איז שייך צו פאלן פון דעם, ווייל אויב די עבודה איז געבויט אויף זיך הייבן, אויטאמאטיש קען מען אויך פאלן. אזוי ווי ס'איז שייך צו ווערן ארויס כהן אויב דער כהן איז נישט נזהר ח"ו אין די גדלות זיינער, וואס דאן טראסקעט ארויס פון זיין קדושת הכהונה צו 'חללות' (כפי הדינים בחלל).

דאס איז אלץ ביי 'גדלות', וואס דאס איז א 'תנועה' אויף ארויף, און אויטאמאטיש קען די תנועה אויך גיין אויף אראפ. אבער ביי די עבודה פון 'אמונה' איז דאס נישט שייך, ס'איז נישט קיין תנועה אויף ארויף, און ממילא איז נישט דא קיין תנועה אויף אראפ, ביי אמונה איז אלץ גלייך, אלץ האלט מען זיך צו די זעלבע אמונה, די זעלבע יסודות איין מאל אין נאכאמאל, און כמובן פון א 'יסוד' קען מען נישט פאלן, ס'איז פעסט על הקרקע.

די עבודה פון אמונה האט טאקע נישט די לעכטיגקייט, וואס איז דא ביי די עבודה פון 'גדלות', אבער פון די אנדערע זייט האט עס די מורא'דיגע מעלה אז מ'קען נישט פאלן, 'אמונה' איז אלע מאל על הקרקע, אין אלע מצבים צוגלייך, דער זעלבער באשעפער קומט אריין אין יעדער ריר, די נקודת אמונה טוישט זיך נישט, נישט קיין חילוק צו ס'איז גדלות אדער קטנות, סיי ווי סיי איז עס איין אמונה.

### יציאת מצרים און ספירה

אונז שטייען אין די ימי הספירה, די צוויי סארט קדושות, די צוויי סארט עבודות זעהן מיר ביי 'ספירה', די עבודה פון אמונה איז פסח, און די עבודה פון 'מדריגות', איז ספירה מיט שבועות. פסח זענען די יידען ארויס פון מצרים און געווארן יידען, זיי זענען געווארן עבדי ה' בעצם, זיי האבן באקומען 'קדושת ישראל' וואס מיט דעם זענען אלע יידען געווען גלייך, אלע זענען צוזאמען ארויס פון מצרים, די זעלבע עבדי ה', גלייך אויף גלייך. און דאס האט א ענדליכקייט צו 'קדושת ישראל', וואס ווי געשמועס איז דאס א קדושה בעצם, א קדושה וואס האט נישט קיין 'תנועה', ס'האט נישט קיין השתנות.

אויך די אור פון 'אמונה' וואס די יידען האבן באקומען פסח ביידערנאכט, איז אראפ געקומען אויף אזא סארט אופן, אויף א אופן פון 'השתוות', א אור פאר אלעמען גלייך, די אמונה אין מהותו ועצמותו כביכול, אני ולא מלאך וכו', ס'איז נישט געגאנגען מדריגות'וויז, אלעס איז געווען שוה בשוה, ראתה שפחה על הים וכו'. און דאס איז די אור וואס יידען באקומען יעדעס יאר ביי די סדר נאכט, ווי ס'איז מבואר אין ספרים הקדושים אז פסח ביי דערנאכט באקומען יידישע קינדער א גאר א גרויסע לעכטיגקייט, אסאך העכער ווי זייער מדריגה, און דאס באקומען אלע יידען צוגלייך.

אבער שבועות איז א אנדערע סארט עבודה, ביי מתן תורה שטייט 'ממלכת כהנים וגוי קדוש', שבועות איז א ענין פון 'כהונה', שבועות איז דערהויבנקייט מיט מדריגות און השגות, אתה הראת לדעת, וואס דאס האט א ענדליכקייט צו 'קדושת הכהונה' וואס גייט מיט א דערהויבנקייט, ביי מתן תורה האט אונז דער אייבישטער אויסדערוועלט און אויפגעהויבן מער פון אלע פעלקער, אונז זאל מיר זיין דערהויבן למעלה.

אויך זעהט מען אז ביי 'מתן תורה' איז עס געגאנגען דרגות'וויז, משה איז ארויף אויבן אויפן בארג, אביסל נידריגער איז געווען אהרן וכו', וואס דאס איז געווען 'מתן תורה', אז ס'איז געגאנגען מיט דרגות. און אויף די וועג האט משה ווייטער געלערנט די תורה פאר כלל ישראל, אויף א אופן פון דרגות'וויז, קודם האט געלערנט פאר אהרן, נאכדעם פאר אלעזר ואיתמר וכו', ס'איז געגאנגען מיט דרגות.

און די דאזיגע עבודה פארשטייט זיך פאנגט זיך שוין אהן בימי הספירה, גלייך פון די צווייטע טאג פסח פאנגט מען אהן די עבודה פון ציילען אויף ארויף, מ'ציילט און מ'ציילט ארויפגייענדיג אויף די 'סולם המדרגות', ביז מ'קומט אהן צום פיפציגסטן טאג אין יום טוב שבועות, שטייענדיג ביים שפיץ ביי קבלת התורה.

דאס זענען די צוויי עבודות, די עבודה פון די ערשטע טאג יום טוב פסח, וואס דאס איז אן עבודה פון אמונה, ענדליך צו 'קדושת ישראל' וואס איז א 'עצמית', און דערנאך די עבודה פון ימי הספירה מיט שבועות, וואס דאס איז מער אן עבודה פון מדריגות, וואס דאס איז מער דומה צו די עבודה פון 'קדושת כהונה', ממלכת כהנים וגוי קדוש.

# נהגו כבוד

## ימי הספירה א זמן פון 'קאמפלמענטס'

איינער פון די נושאים פון ספירה איז 'לא נהגו כבוד זה לזה'. ווי אזוי טייטשט זיך דאס אין אונזערע דור, איך מיין אז ס'וואלט זיך גוט געטייטשט מיט 'קאמפלעמענטס', 'לא נהגו כבוד', מ'האט זיך נישט געגעבן קיין 'קאמפלמענטס', אדער גאר דארף מען דריקען דעם 'לא', 'לא נהגו כבוד זה לזה', מ'האט 'מבזה' געווען און 'קריטקירט' איינער דעם צווייטן, פארקערט ווי 'קאמפלמענטס'.

די ימי הספירה איז מיוחד אויף 'קאמפלמענטס', ווי מ'טרעפט ביי ר' עקיבא וואס האט געזאגט פאר זיין ווייב אין זייערע שווערע צייטן 'ווען איך וועל האבן געלט, וועל איך דיר מאכן א קרוין מיט די צורה פון ירושלים אין גאלט', אויך טרעפט מען ביי ר' עקיבא אז ער האט געזאגט פאר זיינע תלמידים 'שלי ושלכם שלה היא'. דאס הייסט אז די תלמידים האבן עס נישט מעריך געווען, און ר' עקיבא האט זיי אויסגלערנט ווי מ'דארף מכיר זיין מיט שימת לב, 'שלי ושלכם שלה היא'.

און בפרט אז די ימי הספירה זענען א המשך צו פסח, וואס פסח איז דאך די זמן פון 'שיר השירים', וואס איז באזירט אויף די איינע נקודה, אויסצולויבן און זאגען בפירוש ווי שטארק מ'איז צופרידען, גאנץ שיר השירים לויפט אויף דעם קו, ווי דער אייבישטער כביכול לויבט אויס די יידען, און די יידען לויבען אויס דעם אייבירשטן.

## 'קאמפלמענטס' איז א סוגיא

'קאמפלמענטס' איז א סוגיא וואס איז נישט אוועקצומאכן, ס'איז דא 'קאמפלמענטס' וואס א מענטש גדענקט פאר יארן, אלץ קינד האט ער אמאל באקומען א 'קאמפלמענט', און ער געדענקט עס אויף לעולם, און צומאל געדענקט מען עס נאר פאר א משך זמן, און געוויסע 'קאמפלמענטס' ווארפט מען גאר צוריק, צו וייל מ'פילט אז יענער מיינט עס נישט ערנסט, אדער איז עס צו א אפענע 'קאמפלעמענט', און א מענטש בטבע האט ליב צו בלייבן אביסל פארמאכט. (משל למה הדבר דומה, א מענטש האט ליב צו עפנען און פארמאכן זיין טיר אדער זיין פענסטיר, אבער ער האט נישט ליב אז די וואנט זאל זיין אויפגעבראכן אינגאצען, והבן).

פאר זיך ווייסט א מענטש אז 'כבוד' איז נישט אזוי פשוט, ס'גוואוינט איין דעם מענטש צו לעבן אויף יענעמס חיזוק, ס'איז דאך פון די זאכן וואס זענען 'מוציאין את האדם מן העולם' (פון די אנדערע זייט מוז יעדער האבן כבוד צום לעבן, כמובן). אבער פאר אנדערע יידען דארף מען טיילען כבוד ביד רחבה, נישט קארגען, אדרבא 'זאל זיין', זאל זיך גיסען כבוד אהן קיינע חשבונות, א עיקר יודן זאלן האבן כבוד והערכה מיט א ברייטקייט.

אין די לעצטערע יארן איז שטארק אויפגעכאפט ביי יידישע קינדער די נוסח השפעה פון ר' ישעיה בן ר' משה זצ"ל, צו עפענען די הארץ מיט א ברייטקייט פאר יידישע קינדער. מ'דארף וויסן אז די עיקר פון די גאנצע געטיילאכץ איז די כבוד, די טיפע געשמאקע געפיל פון באקומען עסן מיט א ברייטקייט, דאס איז א געשמאקע געפיל פון כבוד אז מ'איז מיך מחשיב, מ'האלט אז ס'קומט זיך מיר מיט א ברייקייט כיד המלך. און די דאזיגע שפע פון 'כבוד' האט ר' ישעיה בן ר' משה געברענגט פאר יידישע קינדער, און דאס ווערט מתקיים במיוחד ביומא דהילולא זיינער ג' אייר אין די ימי הספירה, און ספירה איז טאקע מיוחד אויף דעם צו געבן כבוד פאר יידישע קינדער בנוסח ר' ישעי' בן ר' משה.

## קמפלעמענטס דאפלען זיך

'קאמפלעמענטס' דאפלן זיך און טריפלן זיך אהן א שיעור, לאמיר זאגען אז די דאוונסט אין א בית מדרש פון טויזענט מתפללים, און איינער פון די מתפללים מיטן נאמען 'ראובן' געט דיר א 'קאמפלעמענט', אויטאמאטיש פילסטו זיך כאילו טויזענט מענטשן האבן דיך יעצט גע'קאמפלעמענט', ווייל אויב ראובן - איינער פון די טויזענט מענטשן, האט דיך מכיר געווען און מעריך געווען, איז מסתם זענען מיך אלע מתפללים אזוי מעריך. און אויב האט ראובן מכיר געווען אין איין מעלה, מסתם באמערקט ער שוין אויך אלע אנדערע מעלות, מסתם איז ער שוין מכיר אין אלעס.

און די זעלבע איז פארקערט, ביי 'לא נהגו כבוד זה לזה', אויב ראובן איינער פון טויזענט מתפללים האבן מזלזל געווען אין אים, ס'איז געווען א 'נישט' כבוד (אי כבוד), אויטאמאטיש דאפעלט זיך עס און טריפלט זיך, אהן א שיעור און אהן א סוף, ווייל אויב ראובן פון די טויזענט מענטשן פילען אזוי, מסתם פילט יעדער אזוי, אזוי ארבעט די מוח פון א מענטש. (און ווי פארשטענדליך אז דאס מאכט אהן פיל פחדים און 'עקזייערי', ווייל די דאזיגע קליינע 'פחד' וואס ער האט באקומען פון איינער, דאפעלט זיך און טריפלט זיך בלי שיעור וסוף, ער האט נאר איינמאל באקומען א שווער ווארט, און די מח טראגט עס שוין ווייטער און ווייטער בלי שיעור וגבול).

די וועלט זאגט אז 'קאמפלמענטס' גייט בלי גבול, ראובן געט פאר שמעון א 'קאמפלמענט', שמעון ווערט גוט 'געלוינט' און ער געט פאר לוי, לוי ווערט גוט 'געלוינט' און ער געט פאר יהודה, און אזוי ווייטער און ווייטער, דער בעל הבית פאר די ארבעטער, דער ארבעטער פאר די קאסטמער, די קאסטמער פאר זיין ווייב, די ווייב פאר די קינדער, די קינדער פאר אנדערע קינדער, און אזוי ווייטער בלי גבול (און לפי חשבון קומט עס זיכער אמאל צוריק צום מענטש אליינס).

אבער די דאזיגע חשבון איז אביסל מער באהאלטן, קיינער קען נישט אויפווייזן אז שמעון האט געגעבן די 'קאמפלמענט' פאר לוי, מכח דעם וואס ראובן האט אים געגעבן א 'קאמפלמענט'. אבער דאס איז זיכר, וואס יעדער קען זעהן ביי זיך אליינס, לאמיר זאגען אין די ביזנעס, אז א קונה וועט דיך געבן א קאמפלמענט, וועסטו פילען ווי נישט נאר דער קונה האט הנאה, וועסט פילן אז מסתם האבן אלע קונים הנאה.

אזוי ארבעט כבוד און הערכה, ס'איז א זאך וואס שפרייט זיך אויס בלי גבול, סיי 'כבוד', און די זעלבע זאך 'בזיון', ס'איז זאכן וואס שפרייטן זיך אויס, ס'וואקסט אויף 'הייוועך', ס'גייט ארויף און ס'גייט אראפ, אז מ'באקומט א גוט ווארט פארט עס ארויף ווי אויף הייוועך, און אז מ'באקומט א שלעכט ווארט טראסקעט אלעס, פונקט ווי ביי 'יוקרא וזולא' (אינפלעשין), ס'פארט ארויף אין אראפ לפי דעם עולם (דימענט).

וואס מיט דעם פארשטייט מען די זהירות פון 'נהגו כבוד זה לזה', וואס קען אלץ ארויסקומען פון איין גוט ווארט, אדער חס ושלום פארקערט. (מאויבי תחכמני, וואס מ'זעהט אין עולם החולין, די 'סטאקס' גייט ארויף און אראפ לפי א שלעכט ווארט פון איינעם, אדער פארקערט, והמבין יבין).

ס'איז יתכן אז ס'גייט נאך אסאך ווייטער, למשל, אז א ראש הכולל געט א 'קאמפלמענט' פאר א יונגערמאן, שפרייט זיך עס אויס אין די גאנצע בנין הכולל, ער פילט זיך אויטאמאטיש 'קאמפטעבעל' אין די גאנצע בנין הכולל, און אויב ס'איז א כולל וואס באלאנגט פאר א קהילה, מאכט עס אים פילען 'קאמפטעבעל' און אנגענומען אין די גאנצע קהילה, און אזוי ווייטער און ווייטער (די מענטשן וואס פאלן ארויס פון זייער קהילה, ווייל אין חדר אין ישיבה האבן זיי נישט מצליח געווען און נישט געפילט 'קאמפטבעל', און אויטאמאטיש פילט ער נישט 'קאמפטעבעל' און אנגענומען אין אלע חלקים פון די קהילה, אין ישיבה אין בית מדרש און אזוי ווייטער).

## א קאמפלמענט בארואיגט

אין 'שיר השירים' שטייט 'כי טובים דודיך

ס'איז
דא 'קאמפלמענטס' וואס א
מענטש געדענקט פאר יארן, אלץ קינד
האט ער אמאל באקומען א 'קאמפלמענט', און ער
געדענקט עס אויף לעולם, און צומאל געדענקט
מען עס נאר פאר א משך זמן, און געוויסע
'קאמפלמענטס' ווארפט מען גאר
צוריק

המשך בעמוד הבא

מיין', די יידען זאגען כביכול פארן אייבירשטן, ס'איז מיר געשמאק צו זיין מיט דיר (במסכת עבודה זרה פרק ב' איז דא א מחלוקת צו מען זאגט 'דודך' אדער 'דודיך', א לשון זכר אדער א לשון נקבה, די יידען פאר די אייבישטער, אדער די אייבישטער פאר די יידן). דאס איז די גרעסטע 'קאמפלמענט' וואס מ'קען געבן, ס'איז מיר געשמאק צו זיין מיט דיר, ס'איז מיר רואיג און גוט מיט דיר.

באמת האט יעדער 'קאמפלמענט' באהאלטען אין זיך די דאזיגע נקודה, די נקודה אז ס'איז מיר גוט צו זיין מיט דיר, ווייל די טבע פון א מענטש אז ער איז נישט רואיג מיט א צווייטן, נישט וויסענדיג צו יענער וויל טאקע זיין מיט אים, למשל, א מענטש האט א 'חברותא', איז ער א גאנצע צייט אביסל נערוועז ווער ווייסט צו די חברותא וויל טאקע לערנען מיט מיר, מ'איז נישט רואיג, מ'ווייסט נישט צו די חבר האט טאקע הנאה, אז מ'באקומט א 'קאמפלמענט' בארואיגט עס די מענטש, די גאנצע 'חברותא'שאפט איז זיך מתיישב.

און בכלל איז א 'קאמפלמענט' נישט דוקא די ווערטער, נאר די כללות'דיגע הרגשה וואס מ'געט ארויס אויף די ערך פונעם מענטש, למשל, ראובן און שמעון לערנען צוזאמען, ראובן זאגט פאר שמעון איך האב הנאה צו לערנען מיט דיר, די האסט א קלארקייט אין לערנען. איז דאס נישט נאר די גוטע געפיל אז ער קען גוט לערנען, נאר די עצם זאך אז זיין חברותא איז אים מחשיב, דאס איז מיישב די גאנצע חברותא'שאפט, ס'ברענגט אריין א רואיגקייט, וויסענדיג אז די צווייטער איז 'פאזיטיוו' צו די זאך.

א 'קאמפלמענט' קען ארבעטן אפילו אויף צוריק, למשל, מ'טרעפט א חברותא וואס מ'האט שוין נישט געלערנט פאר אסאך יארן, און איינער ריפט זיך אהן 'ווייסט ווען איך האב געלערנט מיט דיר, איז עס מיר זייער געשמאק געווען', ער געט אים אזא סארט 'קאמפלמענט' אויף צוריק. אזא סארט 'קאמפלמענט' איז צומאל פיל שטערקער, אלע יארן אויף צוריק באקומט עפעס אזא געזעצקייט, אלע 'מעמערים' אין קאפ באקומען אזא התיישבות, אהה!! ס'איז געווען גוטע צייטן מיט יענע חברותא, די 'ערך' פון אלע זיינע פריערדיגע יארן, גייט ביי אים גאר שטארק ארויף.

געבן א 'קאמפלמענט' איז זייער א ברייטע זאך, ס'איז שייך אויף גאר אסאך אופנים, און מ'קען אפילו געבן א קאמפלמענט אהן ווערטער, מיט די עצם זאך אז מ'איז פרייליך מיט יענעם, מ'איז מכיר אין יענעמס חשיבות, מ'מאכט א 'עסק' ארום אים, מ'ברענגט ארויס זיינע נאטורן און מעלות (למשל דורעך שמעון גרין'ס מהלך), אויף וועלכע וועג נאר, וואס מ'מאכט א עסק פון יענעם'ס מציאות, איז דאס אלעס אין כלל פון א 'קאמפלמענט', אינעם כלל פון כבוד והערכה, פון 'נהגו כבוד זה בזה'.

## קאמפלמענטס בתורה

במיוחד פארלאנגט זיך 'נהגו כבוד כבוד זה לזה' ביי תורה, און במיוחד בימי הספירה, ווי דער מהר"ל זאגט אז פון פסח ביז שבועות גייט די כבוד התורה ארויף העכער און העכער, פון איינס ביז פופציג, וועגען דעם דארף מען במיוחד זיין נזהר אין כבוד התורה.

און בפרט אז די נסיון פון כבוד והערכה ביי תורה איז אסאך מער, ווייל ביי וועלטליכע ענינים מאכט דאך געלט, וואס דאס איז נאמביר (1) פון כבוד והערכה, די עצם זאך אז די זאך ברענגט ארויס געלט, דאס גופא ברענגט שוין ארויס די חשיבות פון די זאך, אבער ביי תורה וואס מ'זעט נישט מיט די פליישיגע אויגען די השפעות פון די תורה, מ'זעהט נישט די געלט מיט די פליישיגע אויגען, פעלט זיך אויטאמאטיש אסאך מער אויס די זהירות פון 'נהגו כבוד זה בזה'.

און במיוחד פעלט אויס אז ס'זאל זיין כבוד ביי די חברים צווישען זיך, ווייל ווער זאל פארשטיין די חשיבות התורה פון דער תלמיד חכם, אויב נישט זיינע חברים אין תורה. א בעל הבית איז מעריך דעם תלמיד חכם נאר מיט וואס ס'איז אים נוגע, ווי למשל אז ער האט וועמען צו פרעגען א שאלה, אז ער האט ווער ס'זאל פארלערנען א שיעור, א דרשה, זיי קענען נישט האבן די אמת'ע הערכה פאר א הארוואניע אין תורה, פאר דורעך טוהן א סוגיא מיט א הארוואניע און א קלארקייט.

ולכן במיוחד פארלאנגט זיך דער 'ונהגו כבוד זה בזה' ביי די חברים צווישען זיך. פארשטיי דיין חבר וואס איז מיט דיר אין תורה, פארשטיי ווי ער מיטשעט זיך פאר כבוד און הערכה, ווי שטארק ער דארף איינער זאל מעריך די סוגיא וואס ער האט דורעך געהארוועט שעות לאנג, נאר די קענסט עס באמת מחשיב זיין.

אין ביזנעס פארשטייט היינט יעדער, אז אויב מ'וויל די ביזנעס זאל גוט פארן, מוז מען געבן 'קאמפלמענטס' כבוד והערכה פאר די ארבעטערס. די דארפסט אים זאגן קלאר און פינקטלעך וואס ער זאל צושטעלן, און דערנאך אנערקענען אז ער איז אנגעקומען דערצו, ער האט געטוהן וואס די האסט געוואלט.

וואס איז אנדערשט א כולל, א בית המדרש, א בית היוצר פון תורה, די וואס זענען דארטן דארפן די זעלבע כבוד, מ'דארף טאקע לערנען 'לשמה', אבער דאס איז יענעמס דאגה, דיין אויפגאבע איז צו געבן כבוד והערכה, איינער זאל געבן פארן צווייטען כדי דער בית היוצר פון תורה זאל זיך גוט בויען.

יעדער מענטש דארף ארבעטען אויף זיך צו שלינגען און סובל, קיינער באקומט נישט גענוג כבוד און הערכה ווי ער וואלט געוואלט, סיי דער וואס לערנט, און סיי להבדיל א ארבעטער אין ביזנעס, אלע דארפן ארבעטן אויף די מידות זייערע. אבער די ארבעט פון די ארומיגע, די ארבעט פון דער בעל הבית, די ארבעט פון די אנדערע חברים, איז יא צו געבן כבוד און הערכה. און אזוי בויעט זיך א ביזנעס, און אזוי בויעט זיך להבדיל די תורה הקדושה, אויף א געזונטע און שטארקע יסוד פון כבוד און הערכה.

## ביים ארויסגעבן ספרים

און במיוחד איז די זמן פון 'נהגו כבוד זה בזה' ביים ארויסגעבן ספרים, אז די באקומסט כבוד און הערכה, פארגין אויך פאר אלע דיינע חברים ארום ארום, וואס ס'איז א דבר פשוט אז אלעס ארום ארום געט גאר אסאך צו, צום ארויסקומען פונעם ספר, און אזוי פירט מען זיך טאקע, משבח צו זיין די חברים און ידידים אינעם הקדמה פונעם ספר.

אבער צומאל האט א 'מחבר ספר' נסיונות אין דעם, ווייל דער 'מחבר ספר' אליינס באקומט נישט זיין כבוד אזוי לייכט, ער מיטשעט זיך גוט צו שאפן עפעס געלט אויף ארויסצוגעבן וכו' וכו'. ממילא ווערט נסיונות ווען ס'קומט צו טיילען פאר די ארומיגע, ער האט דאך קוים עפעס כבוד פאר זיך אליינס, ס'גיסט זיך נישט אזוי גרינג פאר די ארומיגע.

ווען א מענטש געט עפעס ארויס אין ביזנעס, איז דא געלט, ס'איז דא אינוועסטערס, ס'איז דא פון ווי צו בארגען, און דערנאך קומט מען ארויס מיט עפעס רווח, די זאך פארט ב"ה. אבער ביי תורה גייט עס עפעס נישט אזוי, ס'איז נישט דא ווער ס'זאל אינוועסטן, מ'מיטשעט זיך מיט אביסל מעות קדימה, און ביים פארקויפן צוכאפט מען זיך נישט עפעס אזוי, דאס איז די מציאות. ממילא וויבאלד דער מחבר אליינס מאכט קוים עפעס געלט אדער כבוד, האט ער גרויסע נסיונות צו טיילן כבוד פאר די ארומיגע, ער קען פילען ווי ער געט אוועק דאס ביסען פון מויל.

אבער פון דעסטוועגען דאס איז אונזער עבודה אין די ימי הספירה, זיך צו שטארקען אויף אלע נסיונות, און 'נוהג כבוד' זיין איינער אינעם צווייטן, 'נהגו כבוד זה בזה', און פונקט פארקערט, במיוחד מחשיב זיין די חברים בתורה, ווי די סידורים ברענגען צופרי פארן דאווענען, ביים מקבל זיין די מצוות עשה פון 'ואהבת לרעך כמוך', אז במיוחד זאל מען מקבל זיין ליב צו האבן חברים אין תורה, דארטן דארף במיוחד זיין אהבה (הסידורים בשם האריז"ל).

**נא לא לקרוא הגליון בעת התפילה**

בקול הלשון - הרב שלום לאנגסאם 16466550559 - אויף אידיש 1, שיעורים מהתקופה האחרונה 1, דיבאטעס 2, יום יומי שיעורים 3 (הלכה יומי-לומדות יומי-ביזנעס יומי-חיזוק יומי-נפש יומי-חינוך יומי), על הפרשה 4, משנה וגמרא 5, הלכה 6, מוסר וחסידות 7, סיפורי צדיקים 8, אינטערסאנטע טאפיקס 9, שבת 10, מועדים 11, נשואין 12 | נ"ך 2 - שיעורים על רוב תנ"ך

**אם ברצונכם לקבל את הגליון במייל, נא לפנות:** zum-pintel+subscribe@googlegroups.com

**לנדב הגליון, או לפרסם בו, וכן להזמין את הרב למסור שיעורים בישיבות ובכוללים, נא להתקשר למכון מישרים 845-274-3516**

עיצוב: י.כ. +972-52-763-3424